טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

מאמר השבועי
א רייכע אוצר פון הלכה, חיזוק, מעשיות, אויף שמירת עינים

שנה ט • גליון 166 • שופטים - כי תצא • שנת תשפ"ו



# ס'נישט צום אויסהאלטן די נסיונות אין מיין געגנט, וואס טו איך דא?

2

ספעציעלע חיזוק-שמועס פאר אידן וואס וואוינען אין שטעט מיט שווערערע גאסן

דורך מגיד מישרים
הרה"ג רבי ישראל מרגליות שליט"א

ד

## עמוד נא בזה הנסיון; דער רבוש"ע בעט זיך צו אונז: בלייב מיר געטריי!

### וואס איז דער נסיון?!

כ'האב אמאל געהערט פון א איד גאר א טייערע און אמת'ע ווארט: עס שטייט ביי דער פרשה פון עקידת יצחק: **'קח נא את בנך את יחידך אשר אהבת'**, זאגט רש"י אז 'קח נא' איז א בקשה. דער אויבערשטער האט געבעטן פון אברהם אבינו: **'בבקשה ממך, עמוד לי בזה הנסיון'** - איך בעט דיר, שטיי אין דעם נסיון.

אלע פרעגן די קשיא, אז וואס פארא מין נסיון איז דאס, אויב דער אויבערשטער זאגט קלאר פאר אברהם אבינו: "איך גיי דיר אויספרובירן מיט א מורא'דיגע שרעקליכע נסיון, און איך בעט דיר אז דו זאלסט עומד זיין בנסיון"?! ווען מיר וואלטן געהערט פון אן אדם גדול וואס קומט אונז זאגן: "זאלסט וויסן אז ווען דו גייסט יעצט גיין אין דער גאס, וועט דער אויבערשטער דיר שיקן א נסיון, ווייל ער וויל דיר אויספרובירן. ער וויל זען וואו דו שטייסט אים". **איז דאך עס אויס-נסיון!**

די גאנצע נקודה פון א נסיון איז נאר, **ווען דער מענטש כאפט נישט אז מען פרובירט אים אויס צו זען ווי געטריי ער איז פאַר'ן רבוש"ע.** ס'איז נאר א נסיון ווען מ'גיט עס אים א רוק אונטער און ער פארגעסט זיך. אבער אויב דער באשעפער זאגט אים אריין אין די אויער: "איך פרוביר דיך יעצט אויס, לאמיר זען וואס דו קענסט". וואס איז דען דער נסיון? אזויווי א טאטע זאגט פאר א קינד: "איך גיי דיך אויספרובירן, און איך וויל יעצט זען וויאזוי ס'איז דיין כיבוד אב". דאס קינד גייט עס טאקע טון, **אבער ס'איז נישט קיין נסיון!** דער טאטע האט אוועקגענומען דריי-פערטל פונעם נסיון!

### א לעבן פון 'עמוד נא בזה הנסיון'

האט דער איד געזאגט א דבר נפלא: ס'איז נישט בלויז פשט אז דער אויבערשטער האט אים 'יעצט' געזאגט 'עמוד נא בזה הנסיון'. **נאר אברהם אבינו האט אזוי געלעבט 'אלעמאל'!** ביי יעדע געשעניש און נסיון וואס איז אים אונטערגעקומען - דורכאויס אלע זיינע יארן - האט אברהם אבינו געהערט ווי דער אייבערשטער שטייט און זאגט אים: "אברהם, איך פרוביר דיך אויס, איך בעט דיך, שטיי ביי דעם נסיון". אזוי האט אברהם אבינו געלעבט! רש"י איז אונז מסביר **וויאזוי אברהם**

משיח האט צו וועם צו קומען!
קרוב צו צוויי טויזענט (!) שמירת-עינים-קבלות אריינגעפלאָסן פון אידן אין אלע היימישע געגנטער שוין בלויז אין די ערשטע טעג פונעם מאסיוון "עֵינִי" דרייוו ווען כלל ישראל'ס שענסטע קאָלירן קומען נאָכאַמאָל צום אויבערפלאַך!
פייער פון התגברות אויסגעבראָכן ביי אלע שיכטן פון ציבור פון ערנסטע בעלי בתים און ארבעטס יונגעלייט ביז ישיבה בחור'לעך - ערשטע צוויי-טויזנט-דאָלערדיגע גורל ווערט ארויסגעצויגן דעם זונטאג פ' תצא און וועט בעז"ה פריש אויסגעראפעלט ווערן יעדע צווייטע וואָך ביז נאך די ימים טובים הבעל"ט
זייט 9-10-11-12

סוף זְמַן מְזַכֶּה!

**אבינו האט געלעבט זיין לעבן, און וויאזוי ער האט געהאט דעם כח בייצושטיין זיינע נסיונות.** ער האט אלעמאל געהערט ווי דער אויבערשטער זאגט אים: "איך פרוביר דיך אויס, און איך בעט דיך, זיי עומד בזה הנסיון".

דאס איז א מחשבה וואס מיר קענען אויך טראכטן און אריינעמען אין אונזער מח. מיר קענען אפשר נישט לעבן אזוי 24 שעה אין טאג, אבער כאטש איידער מ'גייט ארויס אין גאס, אדער איינמאל אין טאג ווען מ'שטייט אויף אינדערפרי, זאל מען טראכטן די מחשבה: "דער באשעפער רעדט צו מיר". **דאס איז דאך דער אמת!** דער באשעפער וועט מיר היינט שיקן פארשידענע זאכן, און ער וועט מיר זאגן: **"איך פרוביר דיך אויס, איך וויל זען דיין געטריישאפט, איך וויל דיר געבן א ברירה צו קענען מאכן כבוד שמים אויף דער וועלט".**

וואס שווערער דער נסיון איז, **אלץ מער איז דער כבוד שמים וואס קומט ארויס דערפון!** דער באשעפער האט באשאפן אויך די שוועריגקייט. **ער האט באשטימט ווי שווער און ווי שטארק עס זאל זיין.** און ער בעט זיך ביי דעם איד: "איך פרוביר דיר יעצט אויס, עמוד נא בזה הנסיון! איך בעט דיר, שטיי יעצט ביי דעם נסיון".

## עס זינגט זיך אליין; אשריכם ישראל!

אויב מ'שטעלט זיך אפ 2-3 מינוט צייט דורכ'ן טאג, און מ'לייגט אריין די מחשבה, העלפט דאס זייער שטארק ארויס. **מען הייבט אן דערהערן באמת, אז דער באשעפער פרובירט מיר יעצט אויס!** דער באשעפער שיקט מיר אויף א שליחות! אונז גלייבן דאך אין השגחה פרטית, און ס'איז זיכער אז דער רבוש"ע נעמט דעם מענטש און לייגט אים אראפ אויף א געוויסע פלאץ, אדער נעבן א געוויסע אדווערטייזמענט, אדער נעבן געוויסע מענטשן, ווייל **ער וויל זען דעם איד'ס געטריישאפט.** ער וויל זען ווי דער איד האלט זיך ריין פאר אים דוקא אין אזא פלאץ.

ווי גליקליך איז אזא מענטש וואס דער באשעפער פרובירט אים אויס מיט א שווערע ארבעט, ווייל ער וויל זען זיין געטריישאפט. דער רבוש"ע זאגט פאר דעם איד: "איך האב דא א וועלט וואו עס דארף ווערן א כבוד שמים, דו ביסט מיין שליח צו מאכן כבוד שמים דא אויף דעם פלאץ! דאס איז דיין ארבעט יעצט".

ווען מען דערהערט דאס, **זינגט זיך ווי פון זיך אליין 'אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרין'** – אשריכם ישראל אז מיר קענען ווערן שותפים צו מזכה זיין די בריאה. ווען א איד איז זיך טאקע מתגבר, **ווערט די וועלט באמת א ריינערע פלאץ!** ער ברענגט אריין אין דער וועלט א לויטערקייט און אן איידלקייט, און ער איז מזכך נישט בלויז זיך, נאר זיין גאנצע ארום. די גאנצע בריאה ווערט געהייליגט.

ה

## פוקח עורים; די אומבשאצבארע מתנה פון אונזערע אויגן

### הכרת הטוב מיינט: נוצן די מתנה ריכטיג

דער פסוק זאגט אין פרשת בראשית (ב, ה): **'וכל עשב השדה טרם יצמח, כי לא המטיר ה' אלקים על הארץ'**, נאך בריאת העולם איז נאכנישט געוואקסן קיין גראז און ס'איז נישט געקומען קיין

ווי גליקליך איז אזא מענטש וואס דער באשעפער פרובירט אים אויס מיט א שווערע ארבעט, ווייל ער וויל זען זיין געטריישאפט. דער רבוש"ע זאגט פאר דעם איד: "איך האב דא א וועלט וואו עס דארף ווערן א כבוד שמים, **דו ביסט מיין שליח צו מאכן כבוד שמים דא אויף דעם פלאץ!** דאס איז דיין ארבעט יעצט".

רעגן. **'ואדם אין לעבוד את האדמה'**, ווייל ס'איז נישט געווען קיין מענטש וואס זאל באארבעטן די ערד. זאגט **רש"י** אז ווילאנג ס'איז נאכנישט געווען אדם הראשון וואס האט געקענט מכיר זיין אין די טובה פונעם, האט דער אויבערשטער נאכנישט געגעבן קיין רעגן.

מ'זעט דא א געוואלדיגן לימוד: אין פסוק שטייט 'לעבוד את האדמה' און **רש"י** זאגט אז דאס איז טייטש 'מכיר זיין אין דער טובה'. דאס באדייט אז הכרת הטוב מיינט נישט בלויז זיך אוועקשטעלן דאנקן דעם אויבערשטן, **הכרת הטוב מיינט אויך אז: מ'זאל נוצן די מתנה, און אז מ'זאל עס נוצן ריכטיג.**

לאמיר זיך פארשטעלן אז איינער גיט פאר זיין חבר גאר א שיינע און טייערע מתנה, און דער חבר זאגט: "שכוח שכוח" און ער ווארפט עס גלייך אריין אין גארבידזש. אדער מ'גיט פאר איינעם א שיינע זייגער און ער זאגט: **"ס'איז זייער שיין, איך לייג עס אוועק, איך ווייס נישט צי איך וועל עס נוצן"**... מ'האט דיר געגעבן די מתנה אז דו זאלסט עס יא נוצן! דאס זעלבע ווען מ'גיבט פאר איינעם א גאלדענע צירינג, און יענער זאגט: "אה, כ'האב עס פונקט געדארפט האבן. דאס פיסל פון מיין טיש איז אביסל צעבראכן, איך וועל עס דארט אונטערלייגן אז דער טיש זאל זיך גוט האלטן"...

דער אויבערשטער האט נישט געשיקט קיין רעגן, ווייל ס'איז נאכנישט געווען דער מענטש וואס זאל האבן א ריכטיגע הכרת הטוב: **צו נוצן די מתנה, און עס נוצן אויפ'ן ריכטיגן אופן.** אזוי זעט מען אויך שפעטער, ווען אדם הראשון האט געזאגט 'האשה אשר נתת עמדי', זאגן חז"ל: 'מכאן שכפר בטובה'. ווייל **ער האט גענומען די מתנה וואס השי"ת האט אים געגעבן, און ער האט גענוצט נישט ריכטיג!**

## די גרעסטע ווערטפולסטע מתנה

מיר האבן באקומען א מתנה, גאר א טייערע מתנה, דאס זענען **אונזערע אויגן.** א איד שטייט אויף אינדערפרי און מאכט א ברכה: "ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם פוקח עורים". מיר קענען ניטאמאל באגרייפן די נפלאות הבריאה וואס איז דא אין די מתנה פון אויגן. די עומק און די פלאי פלאים וואס ליגט אין איין אויג איז אוממעגליך צו פארשטיין! יעדע אויג האט קרוב צו צוויי מיליאן נערוון וואס לויפן צום מח. דער אויג האט אזויפיל אומצאליגע סענסיטיווע חלקים און דינע הייטלעך, סיי אינעווייניג און סיי אויסנווייניג. **ס'איז ממש משונה'דיגע נפלאות הבריאה.**

**און אט די אויגן זענען באשאפן געווארן אויף כבוד שמים**, און נישט ח"ו אז מ'זאל עס נוצן אויף די פארקערטע פון כבוד שמים. ווען א איד נוצט די אויגן ריכטיג, ער געוואוינט זיך איין צו לעבן מיט א 'שמירת עינים', **שפירט מען דאך אזא תענוג, אזא דערהויבנקייט און אזא געשמאק.** אבער אויב ער נוצט חס ושלום די מתנה אויף תענוגים וואס זענען דאס פארקערטע פון כבוד שמים, האט ער גענוצט די מתנה אויפ'ן נישט ריכטיגן וועג!

אגב, א איד האט מיר געזאגט אן עצה וואס ער




געב דעם לעצטן שטו

> מ'קען זיך אונטערברומען דעם ליסטיגן ניגון "אמר רבי עקיבא אשריכם ישראל" און געדענקן אז רבי עקיבא לויבט אונז: וואויל איז פאר א איד וואס טוט די שליחות פונעם רבוש"ע, צו מטהר זיין אזא שווערע וועלט. אשריכם ישראל!

טוט, אז יעדן טאג **נאך די ברכה פון 'פוקח עורים' שטעלט ער זיך אפ, און ער בעט א תפלה.** ער האט זיך געמאכט א געוויסע נוסח פון א בקשה, ווי ער איז מתפלל צו השי"ת אז "איך האב דאך באקומען אזא טייערע מתנה, בעט איך אז כ'זאל קענען נוצן די אויגן ריכטיג, און נישט חס ושלום אויפ'ן נישט ריכטיגן וועג".

## די ווערט פון איין אויג אין דאך 'אין לשער'

איך האב מיטגעהאלטן א מעשה פון א איד וואס האט ל"ע פארלוירן דעם זע-קראפט פון איין אויג, מ'האט אים אריינגעלייגט א פאלשע אויג, אבער ס'איז געווען איין דאקטער וואס האט געזאגט אז ער קען יא צוריקלייגן די ריכטיגע אויגן אז דער איד זאל קענען זען מיטביידע אויגן. ס'האט זיך דערפאר געפאדערט צו מאכן א פארצויגענע אפעראציע מיט א פראצעדור וואס האט געקאסט איבער א מיליאן דאלער. די אינשורענס האט עס נישט באצאלט, אבער דאס געלט איז געשאפן געווארן אין מינוטן, ווייל **דאס ווערד פון א אידישע אויג איז דאך אומשאצבאר.** מ'איז גרייט צו באצאלן אלע געלט אויף דער וועלט, כדי צו האבן גוטע אויגן.

בשעת א מענטש גייט אויפ'ן גאס, קען מען זיך מתבונן זיין אין דעם חסד ה' אז ער האט ב"ה געזונטע אויגן. **וויפיל נפלאות הבריאה ליגט אין די אויגן,** יעדע ראיה וואס מ'קען זען מיט די אויגן איז דאך אזא מתנה!

## די געשוואלענע אויג האט אים דערמאנט פון דער ברכה

עס האט פארציילט א יונגערמאן, אז אין א שיינעם טאג איז ער אויפגעשטאנען און



# דער גנב עפנט אלע טירן, אויסער...

### עס דערציילט אן איינגעשטעלטער אין א חשוב'ע מוסד:

איך וויל מיטטיילן א מורא'דיגע מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט ביי אונז אין אפיס. איך ארבעט אין די אדמיניסטראציע אפיס (די מענער אפיס) פון א היימישע מיידל שולע, וואס ביי אונז אין אפיס ווערט געפירט די געלט חשבונות און די שכר לימוד. אונז זענען פיר יונגעלייט צוזאמען, און ב"ה אז דאס פלאץ ווערט געפירט אויף אן ערליכער אופן, דאס הייסט ס'איז גענצליך אפגעטיילט פון דער בנין פון די שולע, און אין די אפיס ארבעטן נאר מענער. אפילו עס קומען כסדר אריין פרויען - טיטשערס/סעקרעטעריס וכדו', אויף צו מסדר זיין געלט זאכן, ווערן די זאכן דורכגעשמוסט אויף א צוריקגעהאלטענעם כשר'ן וועג.

בערך א האלבע יאר צוריק קום איך ארויס פון ביהמ"ד אינדערפרי, און איך זע אפאר 'מיסד קאלס'. איך רוף גלייך צוריק, ס'איז געווען די סטעף וואס קומען אינדערפרי אין שולע. זיי פארציילן מיר מיט א בהלה, אז ס'איז געווען א גניבה די נאכט... איך זאל שנעל אריבערקומען!

איך לויף אריבער אין שולע, ווען אויפן וועג פרוביר איך דורכצוקומען צו דעם מנהל המוסד, וועלכער איז נאך געווען אין ביהמ"ד. ווען איך קום אן זע איך א באלאגאן... דער גנב האט אויפגעבראכן צימערן, אויסגעליידיגט שאפעס, און איבערגעדרייט אפיסעס.

איך גיי גלייך צו צו מיין אפיס, זען וואס מען האט פון דארט גע'גנב'עט. ווי ערשטוינט ווער איך צו זען אז די מענער אפיס איז פארמאכט ווי געווענליך...

איך מאך עס אויף און איך קוק מיך ארום, אלעס זעט אויס ווי נארמאל...!

ווען די פאליציי איז אנגעקומען, האט מען זיך גלייך געזעצט קוקן די קאמערעס פון דעם בנין, און מ'זעט טאקע פיר אזייגער פארטאגס ווי דער גנב קריכט אדורך די געיט. מ'זעט ווי ער דרייט זיך אינעם בנין, און מיט זיינע כלים עפנט ער **אלע** טירן. ער איז געווען אין שולע פאר **צוויי שעה!**

ס'האט אונז זייער געוואונדערט, וויאזוי קען זיין אז פונקט אין אונזער אפיס איז ער נישט אריין? די אפיס געפינט זיך דאך די ערשטע זאך ווען מ'קומט אריין אין די פראנט גארטן, נאכפאר מ'קומט אפילו אריין צום בנין פון די שולע ווי געשריבן אויבן?

מ'האט אויפגעמישט די קאמערע פון אונזער אפיס, און מ'זעט ווי דער גנב קומט נאנט צו די אפיס טיר... ער שטעלט זיך אפ... ער ליינט די צעטל וואס הענגט אויפן טיר... און גייט ווייטער...!

ענק ווילן אוודאי וויסן וואס עס שטייט אויף די צעטל.

אפאר וואכן פריער האט זיך געמאכט אפאר מאל אז ס'זענען אריינגעקומען פרויען אין אפיס, און אנע כאפן וואס זיי האבן געטון, זענען זיי נאך געווען אויף זייער טעלעפאן און גערעדט הויך, נישט כאפנדיג אז ס'פאסט נישט אזוי צו רעדן ווען מ'איז צווישן מענער. ס'האט אונז געשטערט, האבן אונז געהאנגען א צעטל אויפן טיר:

**דרכי צניעות! ביטע נישט רעדן הויך אויפ'ן טעלעפאן אין דעם אדמין אפיס** (Please finish your phone call before entering the admin office)

דער צעטל איז געשטאנען אין ענגליש און דאס האט דער גנב געליינט. ס'מאכט נישט קיין סענס אז דער גנב נאכן ליינען דעם צעטל, וויסנדיג אז דא געפינט זיך די אדמין אפיס, זאל ער פשוט ווייטער גיין, און איבערלאזן אינעווייניג די געלט, קרעדיט קארדס, טשעק ביכער, אלע שליסלעך פון דעם בנין, די שליסלעך פון די סקול-באסעס, און נאך...

ס'איז נאר דא איין הסבר אז דער רשב"ע האט אונז געוואלט געבן א געוואלדיגער חיזוק אז דורך די זהירות אין צניעות זענען מיר זוכה צו א געוואלדיגע שמירה עליונה און מיר זאלן ווייטער שטיין אויף די הלכות, און זיך פירן אויפן ערליכן וועג.

דעהו הלכה יומית


לעצטע וואך פונעם קאמפיין!
845.999.4114
כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו
מזכה
$25 לחודש
מיר האלטן שוין ביי
954
1000 מזכים.

# ס'פּישט צום אויסהאלטן די נסיונות אין מיין געגנט, וואס טו איך דא?



געשפירט ווי איין אויג איז אים שרעקליך געשוואלן, אויף אזוי ווייט אז ער האט ממש נישט געקענט עפענען דעם אויג. מ'איז געלאפן צום דאקטער און ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז ס'איז געווען אן אינפעקציע וואס מ'האט ב"ה געהיילט מיט מעדיצינען. דער יונגערמאן האט זיך שפעטער אויסגעדרוקט: **"איך האב קיינמאל נישט געכאפט אז די ברכה פון 'פוקח עורים' איז אן אמת'ע ברכה"**. ווען א איד שטייט אויף אינדערפרי און ער קען עפענען ביידע אויגן איז דאס א משונה'דיגע מתנה וואס דער באשעפער האט אים געגעבן. **דו האסט צוויי לעכטיגע אויגן וואס קענען זען!**

וויפיל איז דאס מחייב אז מ'זאל נוצן די אויגן אויפ'ן ריכטיגן וועג?! און לאידך גיסא, **ווי גליקליך איז דער מענטש וואס קומט אהיים ביינאכט און ער ווייסט ביי זיך אז ער האט גענוצט זיינע אויגן ריכטיג.** ווער רעדט נאך אז ער איז געווען אויף א פלאץ פון א נסיון און ער האט זיך דארט אפגעהיטן, דאס מיינט אז **ער האט מתקן געווען די בריאה פון די אויגן וואס דער אויבערשטער האט אים געגעבן.** און ווען א איד היט אפ זיינע אויגן קען ער האבן לעכטיגע אויגן צו זען דעם אויבערשט'נס תורה, והאר עינינו בתורתך. ער קען קוקן אויף די וועלט מיט א תורה'דיגע בליק.

ו

## בתחבולות תעשה מלחמה; עטליכע פראקטישע עצות אויפ'ן פראנט

**צום שלוס:** אייניגע למעשה'דיגע עצות פאר א איד וואס ווייסט אז ער וועט היינט זיין אויפ'ן גאס אדער אויף אן ארט מיט נסיונות אין שמירת עינים.

### געדענקן אז ס'איז א הייליגע שליחות

ס'איז גוט זיך אנצוגרייטן דורך טראכטן די אויבנדערמאנטע מחשבות, אז אויב ס'גייט מיר באלד אונטערגעקומען א נסיון, **רעדט דא דער רבוש"ע צו מיר כביכול, ער בעט זיך אז איך זאל עומד זיין בנסיון!** דער נסיון איז דא פאר א סיבה, אז איך זאל דורכדעם אויספירן מיין שליחות, צו ריינִיגן די וועלט און דא אריינברענגען א כבוד ה'.

### שמחה פארטרייבט דעם יצר הרע

דער כלל איז: אנגעצויגנקייט און פארביטערקייט מאכט מורא'דיג שוואך די מלחמה. און פארקערט, **ווען מ'דרייט זיך ארום מיט א שמחה און מיט א שטאלץ גיט דאס מורא'דיגע כוחות.** א איד דארף פשוט זיין צופרידן און בשמחה אז מ'האט אים געשיקט פאר אזא דערהויבענע שליחות. ווען מ'שפירט גליקליך, איז אסאך לייכטער דער גאנצער נסיון!

וואס שווערער דער נסיון איז, אלץ מער איז דער כבוד שמים וואס קומט ארויס דערפון! דער באשעפער האט באשאפן אויך די שוועריגקייט. ער האט באשטימט ווי שווער און ווי שטארק עס זאל זיין. און ער בעט זיך ביי דעם איד: "איך פרוביר דיך יעצט אויס, עמוד נא בזה הנסיון! איך בעט דיך, שטיי יעצט ביי דעם נסיון".



**אויסערדעם וואס דער כח פון תפלה העלפט צו ברענגען א שמירה עליונה און א סייעתא דשמיא, העלפט עס אויך פאר'ן מענטש זעלבסט. אויב מען דאווענט אויף א זאך, ווערט מען אליין געטויישט און ס'ברענגט אן אינערליכע התעוררות.**

מ'קען זיך אונטערברומען דעם ליסטיגן ניגון "אמר רבי עקיבא אשריכם ישראל" און געדענקן אז רבי עקיבא לויבט אונז: **וואויל איז פאר א איד וואס טוט די שליחות פונעם רבוש"ע**, צו מטהר זיין אזא שווערע וועלט. אשריכם ישראל!

### תפלה העלפט אויבן און אונטן

אוודאי דארף מען מקדים זיין תפלה לצרה, צו דאווענען און בעטן השי"ת אז מ'זאל ווערן געראטעוועט פון א מכשול. מ'קען צולייגן א קורצע תפלה בשעת די ברכה פון 'פוקח עורים', מ'קען זאגן א תפלה סיי ווען אינמיטן טאג, אדער איידער מ'גייט ארויס אין דער גאס.

אויסערדעם וואס דער כח פון תפלה העלפט צו ברענגען א שמירה עליונה און א סייעתא דשמיא, העלפט עס אויך פאר'ן מענטש זעלבסט. אויב מען דאווענט אויף א זאך, ווערט מען אליין געטויישט און ס'ברענגט אן אינערליכע התעוררות.

### האלטן דעם קאפ פארנומען

א קלוגער איד האט אמאל געזאגט: מיר ווייסן אז דאס מויל האט צוויי שמירות: די ציינער מיט די ליפן. אבער אויך די אויגן האבן צוויי שמירות. די ערשטע שמירה: אז מ'קען פארמאכן די אויגן, און די צווייטע שמירה: אז מ'האלט די מחשבה פארנומען! **די בעסטע שמירה אויף די אויגן איז 'שמירת המחשבה'**. ווען מ'גייט אויף א פלאץ וואס מ'ווייסט אז ס'קען זיין שוועריגקייטן, זאל מען זיך פון פאראויס אנגרייטן צו טראכטן גוטע מחשבות כדי אז דער קאפ זאל ליגן אין עפעס אנדערש. **אויב די מחשבות זענען פארנומען, זענען די אויגן מער באשיצט.**

געוויס איז דאס בעסטע אויב מ'קען טראכטן פון לערנען, אדער איבער'חזר'ן א בלאט גמרא. מ'קען זיך אויך מתבונן זיין אין א געדאנק פון ספרי מוסר אדער ספרי חסידות, אדער טראכטן פון די נפלאות הבריאה. און אויב נישט, איז אפילו גוט צו טראַכטן סתם פון 'מילי דעלמא' און ענינים וואס מ'דארף ערלעדיגן. מ'קען היינט אויסהערן פארשידענע שיעורי תורה אדער אנדערע זאכן, אלעס איז גוט, **אבי אז דער קאפ זאל נישט זיין אויפ'ן גאס**, די מחשבה זאל ליגן ערגעץ אנדערש.

בזכות אונזער אנשטרענגונג אויף שמירת עינים וועט זיכער זיין **'ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים'**, אונזערע אויגן זאלן זיין לעכטיג און ראוי צו קענען זען די גרויסע ישועה, **יראו עינינו וישמח לבינו בישועתך באמת**, במהרה בימינו.

# עצות פאר זומער

**איש את רעהו יעזורו:**

## איך וועל דיר ווייזן ווער ס'איז שטארקער!

אין דעם פאריגן גליון פון טהור עינים האט א יונגערמאן געשילדערט וויאזוי ס'העלפט אים זייער שטארק ווען ער טראכט אז ער מוז דא געווינען דעם יצר הרע, ווייל די תאוות הנצחון איז שטארקער ווי אלע אנדערע תאוות.

כ'האב לעצטנס געזען א טרעפליכע געדאנק איבער דעם ענין: ווען בלעם האט פרובירט שעלטן די אידן, איז אים גארנישט געלונגען, ביז ער איז אויפגעקומען מיט די עצה צו מכשיל זיין אידן מיט עבירות, און דעמאלט האט ער ליידער מצליח געווען.

לאמיר זיך פארשטעלן אויב ס'וואלט ווען דעמאלט געווען א שפיאן וואס דערציילט פאר אידן אז בלעם האט דא אונטערגעשטעלט א גאנצן פלאן מיט די בנות מדין כדי זיי אריינצוכאפן אין זיין זאק. וויפיל אידן וואלטן דעמאלט נכשל געווארן, אפילו מיט די גרעסטע התגברות היצר?

דער תירוץ איז זייער פשוט: 'קיין איין איד וואלט נישט דורכגעפאלן'! ווייל די גרעסטע תאווה וואס א מענטש האט, איז דער תאוות הנצחון: "דו גייסט מיר נישט אונטערברענגען, איך גיי מיר נישט לאזן פון דיר". די גאנצע סיבה פארוואס אידן זענען יא געפאלן פאר דעם נסיון, איז געווען ווייל זיי האבן נישט געכאפט אז דאס איז אן אונטערגעשטעלטע טאקטיק פון בלעם!

ווען א איד באקומט אזא צוגאנג אויף יעדע ראי' אסורה, אז דאס איז פשוט אונטערגעשטעלט דורך דעם יצר הרע כדי מיר צו אונטערברענגען, דעמאלט ווערט ערוועקט די נאטירליכע תאוות הנצחון, מען באקומט די כוחות, מען שלאגט זיך צוריק, און מ'לאזט זיך נישט פון אים!

יעקב יוסף י. שיכון סקווירא


לעצטע וואך פונעם קאמפיין

קיינער.
פארפאסט.
נישט.

דעם זעלטענעם
געלעגנהייט צו מזכה
זיי כלל ישראל.

קאמפיין
ציל:
1000
מזכים.

צו קענען ווייטער מזכה זיין כלל ישראל.

מיר
האלטן
יעצט
ביי:
954
מזכים!

כל המזכה את הרבים
אין חטא בא על ידו
מזכה
$25
לחודש

ביזטו שוין
א מזכה?





מיר גרייטן זיך יעצט פריש צו
דרוקן 5000 קונטריסים
**נעמט א חלק דערין!**

| | |
|---|---|
| **שם המהדורה** | $10,000 |
| **זכות פרק** | $1,000 |
| **זכות 'נסיעה'** | $195 |

דער גרויסער זכות הרבים וועט אייך אודאי
באגלייטן פאר אלע גוטע ברכות וישועות

**845.999.4114**
דרוקט 1-9 צו רעדן צום מערכת

טויזנטער אידן
זענען שוין
געפארן מיט דעם
נסיעה האנט-בוך,
און געהאט אן
אפגעהיטענע נסיעה!

# מ'מוז נישט אייביג גלייבן די מעשיות פון טהור עינים...

עס איז דא אין די לעצטערע יארן א גליון, זייער א חשובע גליון, 'טהור עינים'. ס'איז א גרויסע זיכוי הרבים, אשרי חלקם. שוין אסאך אידן מזכה געווען, ס'ברענגט אן התעוררות.

אידן דערציילן דארט אסאך מאל מעשיות ווי זיי האבן זיך מקבל געווען א קבלה אין שמירת עינים, און זיי זענען געהאלפן געווארן. **איך מיין אז מ'מוז נישט אייביג גלייבן די מעשיות, מ'קען עס אליין פראבירן און זען צו ס'איז אמת...** מ'איז זיך מקבל א קבלה, קיינער דארף נישט וויסן, ס'קען זיין בין אדם למקום, א געוויסע גדר, **מ'קען זיך אליין אויספראבירן און זען ווי מ'ווערט זייער אסאך מאל געהאלפן.**

**ווייל דאס איז איינס פון די יסודות פון אידישקייט**, ווי דער ספר החינוך שרייבט ביי די מצוה פון שמירת עינים, אין מצוה שפז, די מצוה פון 'ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם': "והמצוה הזאת באמת הוא יסוד גדול בדת".

הרה"ג ר' אברהם הערש פריעדמאן שליט"א
דומ"ץ גאלאנטא, בעל אוצר הלכות, ביי די סעריע פון יסודות'דיגע "זומער שיעורים" אין ביהמ"ד הגדול קרית יואל, זונטאג עקב תשפ"ו



# כ'האב קיינמאל נישט געזען אזעלכע פנים'ער אין מיין לעבן...

דער פנים פון א איד און דער פנים פון א גוי איז אן אנדערע וועלט. א גוי איז צוגעוואוינט צו זען זאכן וואס מ'טאר נישט זען, אפילו יונגע גוים. א אידישע פנים האט אפגעהיטענע אויגן, און ממילא האבן די אויגן פון א איד אזא מין איידלקייט, אזא מין קדושה, אזא מין טהרה, אזא מין ווארעמקייט, וואס איז גאר אנדערש פון א גוי. דער גוי האט ווילדע אויגן. אפילו ווען א גוי שמייכלט, אבער ער האט ווילדע אויגן, ווייל ער האט שוין געזען ווילדע זאכן.

ממילא האב איך גלייך געזען אז ס'איז דא א גרויסע חילוק צווישן אידן און גוים, און איך האב געטראכט: "איך האב קיינמאל נישט געזען אזעלכע פנימ'ער אין מיין לעבן. אידן זענען טאקע א הייליגע פאלק. איך מוז זיין א איד, איך וויל זיין א איד, איך ווייס נישט וואס ס'גייט מיר קאסטן, אבער איך מוז זיין א איד."

באקאנטער גר צדק, הר"ר אברהם גאלדשטיין שליט"א, שילדערט וויאזוי ער האט געשפירט זעענדיג צום ערשטן מאל פרומע אידן אויף די וויליאמסבורגער גאסן, וואס דאס האט אים געפירט צו אנערקענען די שיינקייט פון אונזער פאלק!




איינע פון די "עינים" בילבארדס וואס זענען אויסגעשפרייט אויף די וועגן אין די קעטסקעלס מיט א שטארקע מעסעדזש אויף שמירת עינים.



# ווען נישט אונזער התגברות, איז נישטא קיין סיבה אז דער רבש"ע זאל האלטן די וועלט אפילו איין טאג!

פון איין זייט זעט מען היינט ווי **כלל ישראל איז זיך מוסר נפש על כל קוץ וקוץ זיך צו האלטן בקדושה.** כאטש וואס די דרויסנדיגע וועלט איז נישט משוגע, ס'איז היינט א פרייע וועלט און מ'זעט ווי די גוים לויפן נאך אלע נידעריגע תאוות. **ס'איז דא גענוג פון וואס הנאה צו האָבן אויף דער גאס, דאך שטייען אידן און זענען שומרי משמרת הקודש און מיר היטן זיך אפילו פון יעדער קליינער 'ראיה אסורה'.**

די 'ראיה' וואס א מענטש זעט איז דאך א זאך וואס כאפט א מענטש צו ווערן הנאה האבן, **פונדעסטוועגן זעט מען ווי כלל ישראל שטייט פעסט און מ'איז זיך מונע פון קוקן פאר איין טעם: ווייל דער אויבערשטער האט געזאגט אז מ'טאר נישט.**

עס קומט אונז נישט אן גרינג, **ס'קומט אן זייער שווער**, מיר גייען היינט דורך שווערע נסיונות יעדן איינציגן טאג, אבער מיר זענען זיך מתגבר. **די געטריישאפט וואס כלל ישראל ווייזט ארויס מיט דעם איז הפלא ופלא.** דאס איז מעורר מורא'דיגע כוחות אין הימל און **שאפט א משונה'דיגן נחת רוח ביים אויבערשטן,** עד כדי כך, ווען נישט מיר אידן וואס זענען לוחם די מלחמת ה' אויף דער וועלט וואלט נישט געווען **קיין שום סיבה אז דער אויבערשטער זאל נאך האלטן די וועלט שטיין אפילו פאך איין טאג!.**

א ברענעדיגע שמועס פון "האדמו"ר מקאסוב זצ"ל", געדריקט אינעם גליון "עיקבתא דמשיחא" בין המצרים תשפ"ו



## א בלינדער אויף עטליכע מינוט...

ס'איז מיר אונטערגעקומען א דבר נפלא וואס שטייט אין ספר **'דרכי התשובה'**, פון א **תלמיד פונעם רמ"ע מפאנו**, כמעט 500 הונדערט יאר צוריק.

מיר ווייסן אז די משנה אין מסכת יומא רעכנט אויס 'ארבעה חילוקי כפרה'. און ס'איז דא אזעלכע הארבע עבירות וואס אפילו תשובה מיט יוה"כ זענען נישט מכפר, נאר דער יום המיתה וואשט עס אפ אינגאנצן.

זאָגט דער דרכי התשובה **א באמבע פון א חידוש:** חז"ל זאגן אז 'סומא חשוב כמת' – איינער וואס איז בלינד ווערט גערעכנט ווי א מת. אויב אזוי, ווען א מענטש גייט ברצונו הטוב, און ער מאכט זיך אליין בלינד ווען ער גייט אין גאס; ס'קומט אים אונטער א ראי' אסורה און ער פארמאכט די אויגן, איז ער נאך חשוב'ער ווי א 'סומא', ווייל **ער נעמט זיך עס אליין!**

דער דרכי התשובה דרוקט זיך אויס, אז אויב א איד שטארקט זיך אויף זיין יצר הרע און ער מאכט זיך בלינד פאַר עטליכע מינוט, **איז 'כל שכן וכל שכן' אז ס'ווערט גערעכנט 'נאכמער' ווי א מיתה!** לגבי דעם יעצטיגן מציאות הייסט ער ווי א 'סומא חשוב כמת' און דאס איז מכפר אויף אלעס!

דער אויבערשטער האט אונז היינט צוטאגס ארייגעגאסן אין א וועלט, וואס **כ'ווייס נישט אויב די נסיונות פון שמירת עינים אין די לעצטע צוויי טויזנט יאר קומען אן צו די נסיונות אין לעצטע 10 יאר.** מ'דארף האבן שמירת עינים אויף די גאסן אין אלע געגנטער, שוין אפגערעדט אויב מ'דארף אנקומען צו זיצן ביים קאמפיוטער, און אסאך מאל איז עס נישט גרינג. מען דארף זיך הייליגן, מען דארף מאכן אלע ערליי גדרים וסייגים, מיט שטרענגע פילטערס וכדומה. אבער ווען א איד מאכט זיך אליין בלינד די אויגן, איז דאס די גרעסטע זאך וואס מען קען נאר טון, דאס רייניגט אויס נאכמער ווי דער יום המיתה!

הרה"ג רבי בערל טויבער שליט"א לרפו"ש אין א פריוואטע שמועס אויפ'ן טעלעפאן פאר די שומעי לקחו, פארלאפענעם פרשת דברים העעל"ט

"יעדע וואך מ'האט שוין ביים סוף פונעם גלות, האבן מיר אפילו מורא'דיגע געלעגנהייטן צו געבן פאַר'ן אויבערשטן אזעלכע מתנות: "באשעפער, איך גיב דיר אוועק מיינע אויגן, איך מאך מיר בלינד אויף א קורצע צייט". ס'קען אפשר אויסקוקן אביסל פאני צו גיין מיט די אויגן אראפ, אדער צו גיין אן קיין גלעזער, אבער אויב מען מאכט צו די אויגן מיט'ן אייגענעם רצון, איז דאס אזוי ווי מיתה ממש, און עס וואשט אפ אלעס."

ווער א

מְזַכֶּה.

באקום

שֶׁפַע.

ווי ס'שטייט אין אלע ספרים הקדושים.

קאמפיין ציל:

1000 מזכים.

צו קענען ווייטער מזכה זיין כלל ישראל.

מיר האלטן יעצט ביי:

954 מזכים!

כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו

טהור עינים

מְזַכֶּה

$25 לחודש

פאר דיר | פאר דיינע קינדער | פאר דיין חבר | פאר כלל ישראל!

ביזטו שוין א מזכה?




# על הטוב יזכר

## זכות 2000 גליונות

הר"ר **ליפא** בר"ח **שווארטץ** הי"ו
לרגל **אירוסי בנו** למז"ט

~ ~ ~

הר"ר **יואל** בר"ל **ווייס** הי"ו
לרגל **אירוסי בנו** למז"ט

~ ~ ~

הר"ר **משה ברוך כ"ץ** הי"ו
לרגל **הולדת בנו** למז"ט

## זכות 1000 גליונות

הרה"ח ר' **חיים בצלאל בלום** הי"ו • הר"ר **אהרן משה מרדכי פריעד** הי"ו • הר"ר **בערל האלפערט** הי"ו לרגל **הולדת בנו** למז"ט • הר"ר **דוב לעבאוויטש** הי"ו לרגל **אירוסי בתו** למז"ט • הר"ר **חיים יקותיאל יאקאבאוויטש** הי"ו לרגל **הולדת בתו** למז"ט • הר"ר **יחזקאל קליינבערגער** הי"ו לרגל **אירוסי בתו** למז"ט • הר"ר **אהרן יוסף פערל** הי"ו לרגל **נישואי בתו** למז"ט

**אלע נדבנים פונעם יעצטיגן "חדשי העינים קאמפיין" וועלן בס"ד אריינגיין אינעם גליון נאכ'ן קאמפיין**

## זכות עמוד בגליון

לע"נ הבה"ח **שלמה זלמן** ע"ה
בן **מרדכי יצחק** הי"ו

זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימינם שיזכו לראות רב נחת מיוצאי חלציהם ויתברך בכל מילי דמיטב אמן.

## זכות מזכה

הר"ר **יעקב מרדכי פריעדמאן** הי"ו
לרגל שמחת **נישואי בנו** חיים ברוך נ"י
לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות שומרי עינים

~ ~ ~

הר"ר **הערשל מיטעלמאן** הי"ו
לרגל **הולדת בתו** למז"ט

~ ~ ~

הר"ר **אברהם יושע העשיל סאמעט** הי"ו
לרגל **הולדת בתו** למז"ט

## מזלא טבא

לכבוד ידידינו היקר
הר"ר **אברהם שמעון גלאנץ** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
**לרגל הולדת בתו למז"ט**


יונגערמאן!
**וואס איז אייער פלאן אויף די זומער?**
באקומט די ריכטיגע טולס פאר די זומער-נסיונות!
**סיינט אייך אויף צו באקומען יעדן "טהור-עינים-גליון"**
שיקט אייער אימעיל אדרעס צו:
**845.999.4114**
אדער דרוקט עקס. 1-4 צו איבערלאזן א מעסעדש
info@tahoreineyim.org


## ברכת מזלא טבא

לכבוד מעלת ידידינו הרב הגאון העומד לימין הכלל והפרט בכל עת
הגה"צ ר' **שלמה רובין** שליט"א
אב"ד ציעשנוב קרית יואל
**לרגל השמחה במעונו באירוסי בתו שתחי' למזל טוב ולסימן טוב**

יהי רצון שהזיווג יעלה יפה, ויזכו לבנות בית נאמן בישראל, מתוך הרחבת הדעת ושמחה, ויזכה לראות מכל יוצאי חלציו דורות ישרים ומבורכים, רוב נחת, בריאות וכל טוב סלה.

## ברכת מזלא טבא

לכבוד ידידינו היקר החשוב, רודף צדקה וחסד, ראש וראשון לכל דבר שבקדוש"ה, עוסק בצרכי ציבור באמונה
מוה"ר **מרדכי לאנדא** הי"ו
העומד תמיד לימינינו בכל עת ועונה
**לרגל השמחה במעונו באירוסי בנו שתחי' למזל טוב ולסימן טוב**

יהי רצון שהזיווג יעלה יפה, ויזכו לבנות בית נאמן בישראל, מתוך הרחבת הדעת ושמחה, ויזכה לראות מכל יוצאי חלציו דורות ישרים ומבורכים, רוב נחת, בריאות וכל טוב סלה.




# עֵינָי פלאטפארמע

אלעס ארום דער מאסיווער
שמירת עינים קבלה דרייוו

לעינ"י כל ישראל!

# פייערדיג-איבעראַשענדער שטורעם ביים "עֵינָי" דרייוו ווען כלל ישראל האָט אין די פאַרלאָפענע געציילטע טעג גענומען איף זיך קָרוב צו צוויי טויזנט פרישע קבלות!

**טעגליכער שטראָם פון קבלות טובות ווען אידן רופן אַריין און געבן איבער זייער קבלה – גרעסערע קאמפיינס ווערן אָפּגעהאַלטן אין ישיבות קטנות וגדולות אין אַלע שטעט און אזוי אויך אין די קעמפּס דורך 'גבאים-וואָלונטירן' פאר בחורי הישיבות - כלל ישראל'ס כוחות קומען אַרויס ווען פייער נעמט אַרום כל הקהל הקוד"ש פון עלטערע בעלי בתים און אַרבעטס יונגעלייט ביז די יונגע ישיבה בחורים וכולם כאחד מקבלים באהבה עול שמירת עינים!**

## בתחבולות תעשה לך מלחמה

### גאָר רייכער אויסוואַל פון קבלות געאייגנט פאָר יעדן איינעם לויט זיין דרגה און מצב גיט די געלעגנהייט פאַר יעדן איינציגן איד צו נעמען 'זיין' חלק אין דעם "עֵינָי" רעוואָלוציע

**קבלות פאר יעדן עלטער, פאר יעדע סאָרט מענטש, פאר בלויז 40 טעג:**

האַלטן די אויגן אַראָפּ אין פארנומענע גאַסן; גלייך אַוועקקוקן ווען עס קומט אונטער אַ נסיון; נישט אַריינקוקן אין קאַרס; נישט אַריינגיין אין גוי'אישע שאַפּינג געשעפטן; אויסטאָן די אויגן-גלעזער אויף אַזעלכע מקומות וואו מען קען גרינג נכשל ווערן; **דרייווערס:** נישט אַרומקוקן ווען מען שטייט ביים רויט-לייט; **פּאַסאַזשירן:** נישט אַרויסקוקן דורכן פענסטער; **ביי די אַרבעט:** קוקן זייטיג ווען מען רעדט צו א פרוי; נישט קוקן אויף גוי'אישע בילבאָרדס/אַדווערטייזמענטס; אַרויפגיין אַ דרגה אין שמירה פון טעכנעלאגיע; בעטן אַ תפילה יעדן טאג אויף שמירת עינים; מאַכן אַ קביעות אין אַ קורצן שיעור בענין שמירת עינים יעדן טאָג – אָדער סיי וועלכן ענין מען פילט אַז מען וויל זיך פאַרבעסערן מיט אן אייגענע קבלה ביני לבין קוני!

**אָפּציעס ווי אַזוי צו נעמען אייער קבלה:**

**טעלעפאון:** רופט אריין צו 845.999.4114 עקס. 8
**טעקסט:** דאס ווארט EINI צו 845.999.4114
**אימעיל:** שיקט אריין דאס ווארט EINI צו eini@tahoreineyim.org

## גורל אחד להשם

### ערשטער צוויי-טויזנט-קעש גורל וועט ארויסגעצויגן ווערן דעם דינסטאָג לסדר "כי תצא למלחמה על אויביך ונתנו ה' אלקיך בידיך" און וועט פאָרזעצן יעדן צווייטן דינסטאג ביז נאָך ירח האיתנים הבעל"ט

גרעסטער געווינס איז דער עצם קבלה וואס יעדער משתתף געווינט קדושה וטהרה צוזאמען מיט שמחה וסיפוק החיים - אויסער די הונדערטער קוויטלעך וואָס זענען שוין אריינגעקומען צו ווערן דערמאַנט בדבר ישועה ורחמים ביים מקום קיבול תפילות ביים ציון פון התנא הקדוש רבי מתיא בן חרש – ספּעציעלער שליח וועט אַראָפּפאָרן אויסזאָגן תהלים און לייגן די קוויטלעך - בזכות די אויסטערלישע נחת רוח אויבן אין הימל ווען מען היט זיך די אויגן וועט מען פועל'ן אַלעס גוטס

# פידבעק

מעסעדזשעס פון אידן ארום 'עֵינַי'

## 'ולא תתורו' ביים מזוזה

איך ווייס פון עטליכע בחורים וואס האבן זיך אונטערגענומען א קבלה אויף פערציג טעג, אז יעדעס מאל ווען זיי גייען ארויס אין גאס, געבן זיי א קיש פאר דער מזוזה און מ'זאגט דעם פסוק "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם".

דאס דינט ווי אן אויפפרישונג און א פאזיטיווע דערמאנונג, אז מ'גייט יעצט מקיים זיין די גרויסע מצוה דאורייתא, און ס'מאכט אז מ'זאל זיין גרייט מיט א דערהויבנקייט.

י.ל. שיכון סקווירא

## דער סוד פון א קבלה

כ'האב געהערט פון א קלוגן איד א שיינעם הסבר, פארוואס א קבלה העלפט אפילו פאר אזא איינעם וואס איז שוין עטליכע מאל דורכגעפאלן ח"ו. לכאורה ווייסט דאך דער מענטש אז ס'איז אן איסור און דאך האט ער זיך נישט מתגבר געווען. אויב אזוי פארוואס וועט ער יא מצליח זיין צו בלייבן מיט זיין קבלה?

נאר דער הסבר איז, אז חז"ל זאגן - און מ'זעט עס בחוש - דעם כלל פון 'עבר ושנה נעשה לו כהיתר'. ווען א מענטש פאלט ליידער נאכאמאל און נאכאמאל, ווערט די זאך ביי אים אביסל אפגעקילט, און דער יצר הרע מאכט עס שפירן ווי ס'איז שוין נישט אזוי הארב.

א קבלה אבער איז א פרישע התחייבות וואו ס'איז נאכנישט געווען קיין 'עבר ושנה'. ווען מ'נעמט אויף זיך א פרישע קבלה שפירט מען נאך אז ס'איז זייער הארב דאס צו ברעכן, דאס איז דער סוד פארוואס א קבלה קען געבן אזויפיל כח זיך צו שטארקן.

דעריבער דארף מען טאקע אכטונג געבן, אז ווען מ'נעמט אויף זיך א קבלה, זאל עס זיין מיט'ן גאנצן שטארקייט, ווייל אויב חלילה מ'ווערט צוגעוואוינט אויך צו ברעכן די קבלה, פארלירט מען דעם גרויסן כח דערפון.

ש. בערגער

## א האלבע פראבלעם געלעזט

פון מיין פערזענליכע ערפארונג זע איך, אז צום אלעם ערשטן דארף מען זיך איינגעוואוינען: צו אראפקוקן ביים גיין אויף דער גאס! דאס איז א לייכטע רגילות וואס אויב מען געוואוינט זיך איין דעריין, ווערט עס ממש ווי א טבע שני.

די מציאות איז, אז אויב מ'קוקט אלעמאל אראפ, שפארט מען זיך אויטאמאטיש איין גאר אסאך נסיונות, און נאכדעם דארף מען נישט זוכן אזויפיל עצות.

מ'זאל עס אבער נישט טון אויף א וועג פון 'צמצום'. מ'זאל נישט שפירן אגאנצן צייט ווי מען צווינגט זיך אראפצוקוקן. נאר עס דארף זיין נאטירליך אז "אזוי גייט מען אויף דער גאס".

מ'קען דאס גרינג איינפירן ווען מ'האלט זיך פארנומען די מחשבה מיט אנדערע זאכן, צי דורך הערן עפעס, אדער טראכטן פון עפעס וואס ציט צו טראכטן.

שרגא פ. בארא פארק

## וואס כאנען די צוויי געלע ליניעס מראכ?

איך האב געמאכט א קבלה טובה אז גייענדיג אויפ'ן סיידוואלק קוק איך אגאנצן צייט נאר אויף די צוויי געלע ליניעס אינמיטן דעם ראוד, און כ'האב זיך אזוי פראגראמירט אין קאפ אז איין ליניע איז קעגן 'אחרי לבבכם' און איינס קעגן 'אחרי עיניכם'...

דאס דינט מיר ווי א גוטער סימן נישט 'אריבערצוגיין די ליניע' נאר בלייבן פאקוסירט מיט די ריכטיגע זיכערהייט רעגולאציעס אין דעם מלחמת היצר.

שלמה א. קרית יואל

# וויאזוי איז מען מצליח אנצוהאלטן א 'קבלה'?

איבערגעגעבן דורך המשפיעים ומחנכים המפורסמים
הרה"ג ר' **דויד מעהרינג** שליט"א
הרה"ג רבי **ישראל מרגליות** שליט"א

צוגעשטעלט דורך:
לב להאזין
718.673.2999
קלארקייט • חיזוק • הדרכה
בהמלצת גדולי ישראל שליט"א

## 1. עס פעלט אונז נישט קיין התעוררות

### התעוררות איז נישט גענוג, מען מוז מאכן א פאקטישע קבלה

א מענטש קען זיך אמאל באטראכטן אז טראצדעם וואס ער ווייסט זייער גוט אז 'שמירת עינים' איז פון די גרויסע יסודות אין אידישקייט, אבער למעשה גייט דורך לאנגע יארן און ער טרעפט זיך אויפ'ן זעלבן פלאץ אן קיין שום פארבעסערונג. דאס זעלבע איז לגבי אנדערע וויכטיגע מצוות, ווי קביעות עתים לתורה, לשון הרע, וכדומה. וואס מ'ווייסט זייער גוט אז מ'דארף זיך טוישן, אבער למעשה זעט מען נישט קיין פארשריט.

די סיבה דערצו איז: ווייל אסאך מאל פעלט אונז נישט קיין התעוררות. די התעוררות איז גאר שטארק, עס פעלט אונז דער חלק פון 'למעשה', און איינס פון די בעסטע עצות אז מ'זאל זיך רוקן אויף למעשה איז: נעמען אויף זיך א גוטע קבלה.

דער תכלית פון 'אלע' דברי מוסר און התעוררות איז דאך אז מ'זאל נישט בלייבן ביי די זיבעציג ווי ביי די צען, און פון די שטארקסטע זאכן וואס רוקט באמת דעם מענטש איז ווען מ'איז מקבל א קבלה אויף למעשה!

צדיקים פלעגן וואונטשן ביי נעילת החג פון שמחת תורה, אז "מען זאל קענען אויספירן אלע קבלות וואס מ'האט זיך אונטערגענומען אין די הייליגע טעג". ס'איז געווען ביי זיי א דבר פשוט אז אלעמאל ווען א איד ווערט נתעורר אין די זמני תשובה, מאכט ער זיך קבלות, כדי אנצוהאלטן די התעוררות אויפ'ן פראקטישן לעבן. ווייל די קבלה איז די זאך וואס רוקט דעם מענטש בפועל, אסאך מער ווי די התעוררות!

מ'זעט עס ליידער באשיינפערליך אז מענטשן קענען האבן געוואלדיגע התעוררות און עס געשעט גארנישט דערפון, ווייל מ'האט עס קיינמאל נישט 'אויפגעקעשט' אויף א מציאות'דיגע 'קבלה טובה', וואס טראגט און הייבט אויף דעם מענטש.

נאכמער: די גוטע קבלות דינען אויך אלס די בעסטע דערמאנונג אז מ'זאל טאקע שטענדיג געדענקן די התעוררות. ווען א איד שטייט ראש השנה ביים דאווענען, אדער אין אנדערע דערהויבענע זמנים, קען זיך אים דאכטן אז די התעוררות וועט שוין בלייבן אלעמאל. אבער במציאות איז דאך עס נישט אזוי, מיט דער צייט ווערט די התעוררות פארשלאפן. אבער אויב מען מאכט בשעת מעשה אפילו גאר א קליינע קבלה, איז דאס גאר א שטארקע הילף, אז אפילו עטליכע חדשים שפעטער ברענגט די קבלה צוריק די גוטע הרגשים און רצונות וואס מ'האט געהאט בשעת מ'האט געמאכט די קבלה.

## 2. בוי אויף דיין כח הבחירה

### נוצן די קבלה אלס א 'טול' צו ווערן באלעבאס אויף זיך אליין

זייער אסאך מענטשן שפירן אז זיי האבן נישט קיין שום סעלף-דיסציפלין און זיי פארמאגן נישט די כוחות אויסצופירן זייערע קבלות. די עצה דערצו איז: צו נוצן די קבלות טאקע פאר דעם ציל, אז דורך די קבלות זאל ווערן אויפגעבויעט די אייגענע סעלף - דיסציפלין!

אזא מענטש קען צוערשט נעמען לייכטערע קבלות - אפילו נאר אויף עטליכע טעג - וואס ער ווייסט קלאר אז ער קען דאס דערגרייכן, און ער זאל מחליט זיין אז ער גייט עס אנהאלטן מיט אלע כוחות. ווען ער וועט דאס בעז"ה אויספירן מיט הצלחה, וועט דאס אים ברענגען א געוואלדיגע תועלת, ווייל ערשטנס, וועט ער אנהויבן שפירן אז ער קען יא אויספירן זאכן. צווייטנס, וועט דאס אים געבן א געוואלדיגן סיפוק וואס וועט אים שטופן צו גיין ווייטער, און דריטנס, בויעט דאס ממש אויף די כוחות הנפש, עס ווירקט באמת דעם מענטש אז ער זאל קענען ארויפגיין און שטייגן מיט שטארקערע קבלות.

אזא סארט קבלה העלפט סיי אויפ'ן ספעציפישן ענין וואס מ'נעמט זיך אונטער, און בנוסף דערצו, העלפט עס צו קענען ווערן אן עובד ה' מיט א שטארקער כאראקטער וואס קען יא אויספירן זאכן וואס ער וויל שוין לאנג מקיים זיין. עס בויעט אויף דעם דעם אייגענעם דיסציפלין; דער מענטש ווערט באלעבאס אויף זיך אליין. פלוצים טרעפט ער זיך מיט די כוחות צו קענען באהערשן די מחשבות ביים דאווענען אדער ביים לערנען; צו קענען אויפשטיין ווען מ'דארף; צו קענען ערלעדיגן זיינע געברויכן, א.א.וו. זיין כח הבחירה ווערט שטארקער!

אויב מ'טוט עס אויפ'ן ריכטיגן וועג, איז די קבלה נישט בלויז א הילף אויף די געוויסע תקופה וואס מ'האט זיך עס אונטערגענומען, נאר עס טוישט דעם גאנצן עתיד. דער מענטש ווערט בעסער און שטארקער אויף אייביג.

המשך יבוא

א ווארט פון 'טהור עינים':

# אוֹדְךָ בְּקָהָל רָב בְּעַם עָצוּם אֲהַלְלֶךָּ

קוים צוויי וואכן זענען פאראיבער, זינט ס'איז דאס ערשטע מאל געמאלדן געווארן די דעטאלן פון דעם 'עֵינִי' דרייוו, און דער שטוינענדער אפרוף איז עפעס וואס קיינער האט זיך נישט געקענט פארשטעלן. אין די קורצע צייט אפשניט האלט מען ביי קרוב צו צוויי טויזנט קבלות! פון ישראל קדושים, זקנים עם נערים, וואס האבן זיך גלייך אנגעשלאסן אין דעם הייליגן אונטערנעמונג, ווען די ציפערן גייען ב"ה ארויף מיט יעדן פארבייגענדן טאג.

דער 'עֵינִי' דרייוו ווערט טאקע באגלייט מיט ווערטפולע קעש גורלות, וואס איז זיכער א גוטע שטופ 'ולא דברה תורה אלא כנגד יצה"ר', אבער יעדער פארשטייט אז דאס איז בלויז א קליינער טפל צום גרויסן עיקר, ווייל ווי קען מען דען אפשאצן די נצחיות'דיגע ווערטפולע געווינס פון יעדע מינדסטע התגברות און פון יעדע קליינע קבלה טובה וואס א איד טוט פאר'ן אויבערשטנ'ס וועגן. מה רב טובך אשר צפנת ליראיך!

ועתה אלקינו מודים אנחנו לך, אז נאך ניין יאר וואס מ'איז זוכה בחסדי ה' צו ערשיינען מיט די קביעות'דיגע גליונות און קונטרסים פון 'טהור עינים', איז מען ברוב סייעתא דשמיא ארויף צום קומענדיגן שטאפל פון 'למעשה', ווען אומצאליגע אידן איבער דער גאנצער וועלט שליסן זיך אן מיט אזא כח הרבים, מיט טויזנטער הייליגע קבלות, וואס וועט בלי ספק זיין די בעסטע מליצה ישרה פאר אונז אלע, שטייענדיג סמוך ונראה צו די ימי הרחמים והרצון, הבאים לקראתינו לשלום.

**יש עליו מלאך מליץ אחד, להגיד לאדם ישרו!**

# קבלה דרייוו סיסטעם:

- דער קבלה דרייוו איז **פאר יעדן איד;** בעלי בתים, אברכים און בחורים.
- איר נעמט זיך אונטער **סיי וועלכע קבלה בשמירת עינים** פאר 40 טעג, בלי נדר!
- צו נעמען א קבלה **רופט אריין צו צו 845.999.4114 עקס. 8** אדער טעקסט דאס ווארט EINI צו דעם נומער.
- איר קענט אויך אימעילן דאס ווארט EINI צו eini@tahoreineyim.org
- יעדע צוויי וואכן וועט בעז"ה פארקומען **א גורל פון $2,000** פאר די אלע וועלכע נעמען איינמאל א קבלה. די גורלות וועל אי"ה אנגיין פאר די קומענדיגע תקופה **אנגעהויבן פון פ' ראה תשפ"ו ביז פ' נח תשפ"ז הבעל"ט.**
- וואס פריער מ'שיקט אריין די קבלה, האט מען אויטאמאטיש **מער שאנסן אין מער גורלות .**
- בנוסף צום גורל באקומט מען א זעלטענע געלעגנהייט צו שיקן **א קוויטל פאר ישועות ורפואות, ביים ציון פון התנא הקדוש רבי מתיא בן חרש,** דער וועגווייזער פון מסירת נפש בשמירת עינים, וואס ס'איז מקובל אז פוקד זיין אויף זיין ציון הק' איז מסוגל צו שמירת עינים, **דערביי וועט מען אראפלייגן אייער קוויטל און אויסזאגן תהלים פאר אייך.**
- ווען איר שיקט אריין אייער קבלה קענט איר **מיטשיקן אייער קוויטל** דורך די זעלבע אויבנדערמאנטע נומער און אימעיל.
- **זיכוי הרבים: מאכט א קאמפיין אין אייער ביהמ"ד,** רופט אריין די נומער און מ'וועט אייך שיקן אלע מאטריאל.
- **די קבלה דרייוו איז אויך פאר בחורים.** אויב ווילט איר ווערן 'גבאי' אין אייער ישיבה, רופט אריין און לאזט א מעסעדזש אויף 845.999.4114 עקס. 6 און מ'וועט אייך שיקן אלע מאטריאל.
- **דער גרעסטער מתנה וואס מ'באקומט איז די קבלה זעלבסט!** וואס ווי באקאנט, איז נישטא נאך א זאך וואס הייליגט אזוי א איד און ברענגט אים שמחת החיים ווי שמירת עינים, דערצו ברענגט עס השפעות עד בלי די. **ס'איז נישט בלויז 2 אלפים ס'איז א ביליאן!**



## גורלות אפדעיטס:

קומענדיגע גורל

**וועט בעז"ה פארקומען דינסטאג פרשת כי תצא הבעל"ט**

מאכט זיכער צו מעלדן אייער קבלה פאר די אויבנדערמאנטן טאג, צו פארזיכערן אייער שאנס אינעם גורל.

מ'וועט קענען הערן די געווינער אויפן טעלעפאן סיסטעם, אזוי אויך וועט עס ווערן געמאלדן דא אינעם גליון.

**ספאנסערט א גורל!**

מיט דעם וועט איר האבן א חלק אין טויזנטער קבלות פון אידישע קינדער רופט אונזער עֵינִי עסקן אויף **347-786-2690**

**זענט איר גרייט ארויסצוהעלפן מיטן עֵינִי קבלה דרייוו?**

אין אייער ביהמ"ד/ישיבה/כולל

**רופט אריין 845-999-4114 עקס. 8-6**


**טוילט מיט פאר טויזענטער אידן**

אייער עצה וויאזוי צו אויספירן א קבלה אין שמירת עינים מיט הצלחה

אדער קענט איר איבערלאזן סיי וועלכע שאלה אין דער נושא

קבלה דרייוו סעקשען עקס. 8 **845.999.4114**



artistic.group




מיינע אויגן
זענען נישט
הפקר, מיין
מח איז שליט
על העין.

# אַלעס
# איז
# אונטער
# קאָנטראָל.

עיני
די אויג
איז
מיין!
שמירת עינים | קבלה דרייוו

## 845.999
## .4114 #8

**היסטארישע**
**קעש- גורלות**
**יעדע צוויי וואכן!**

**$2,000**
**קעש!**

פאר'ן זיך אונטערנעמען איין
מאל א קבלה פאר 40 טעג.

**באנוס מתנה פאר יעדן:**

**קוויטל**
ביים מסוגל'דיגער ציון פון התנא הקדוש
**רבי מתיא**
**בן חרש**

דער בעל מסירת נפש בשמירת עינים כידוע, וואס
פוקד זיין אויפ'ן ציון איז מסוגל צו שמירת עינים.

**אויסוואל פון שמירת עינים קבלות:**

האלטן די אויגן אראפ ביי פארנומענע גאסן
// גלייך אַוועקקוקן ווען עס קומט אונטער
אַ נסיון // נישט ארייקוקן אין קארס //
נישט גיין אין גוי'אישע שאפינג געשעפטן //
אויסטון די גלעזער אויף ערטער פון נסיונות
// **דרייווער:** נישט ארומקוקן ביים רויט -לייט
// **פאסאנדשיר:** נישט ארויסקוקן דורכן
פענסטער // **ביי די ארבעט:** אוועק קוקן ווען
מ'רעדט צו א פרוי // נישט קוקן אויף גוי'אישע
בילבארדס/אַדווערטייזמענט // ארויפגיין
א דרגא בשמירה מטעכנעלאגיע // א תפלה
יעדן טאג אויף שמירת עינים // א קורצע
שיעור יעדן טאג בענין שמירת עינים // אדער
סיי וועלכע אייגענע קבלה בינו לבין קונו.

## צו נעמען א קבלה:

**רופט אריין צו 8# 845.999.4114**
**טעקסט** דאסווארט **EINI** צו **845.999.4114**
**שיקט אריין** דאס ווארט **EINI** צו **einí@tahoreineyim.org**

פראיעקט דורך: טהור עינים